בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

בהר

י"ז אייר תשפ"ד

גליון מס': פג

שנה ב'

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:00 |
| מוצש"ק | 8:17 |
| ר"ת | 8:53 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:12 | סוז"ת א' | 9:40 |
| סוזק"ש ב' | 9:03 | סוז"ת ב' | 10:14 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

## טיב הפרשה

# תורה איז מען נאר קונה מיט ענווה

## מה ענין שמיטה אצל הר סיני

אין די פרשה פון בהר לערנט אונז די תורה הק' אויס די ענין פון שמיטה, אז אין דעם זיבעטן יאר זאל יעדער איד איבערלאזן זיין פעלד און עס מפקיר זיין און אריינלאזן יעדן איד אין פעלד, אז ווער עס וויל קומען עסן פון איר, קען קומען.

די ציווי פון שמיטה הייבט זיך אן מיט'ן אנצייכענען די ארט וואו מען האט געגעבן די ציווי, אז עס איז געגעבן געווארן אין הר סיני.

מיר ווייסן אז יעדערווארט אין די תורה האט א חשבון. אויך ווען די תוה"ק צייכענט אן די ארט וואו מען האט געגעבן די ציווי האט עס א כוונה און די שאלה וואס פרעגט זיך דא איז וועלכע כוונה האט די תורה געהאט מיט'ן אנצייכענען דא אז די מצוה איז געגעבן געווארן אין סיני.

רש"י פרעגט שוין די קשיא: מה ענין שמיטה אצל הר סיני. ער איז מיישב די שאלה אויף זיין וועג, אבער עס קען זיין בדרך רמז אז די תורה הק' וויל דא מרמז זיין נאך א דערהער.

חז"ל זאגן אויף א צווייטער ארט אז דער 'מדבר' איז מרמז אויף די תנאים וואס א איד דארף צו האבן אז די תורה זאל קענען רוען אין אים, אז די קנין פון תורה איז מען נאר קונה ווען א איד איז אין די בחינה פון א מדבר און ווי עס איז דארט דער לשון החז"ל: שלכך נאמר 'במדבר סיני', לומר לך: שכל מי שאינו עושה עצמו כמדבר שהוא הפקר הרי אינו יכול לקנות את החכמה והתורה.

די בחינה ווערט דערמאנט אין אסאך ערטער, אבער עס האט אן עקסטערע באדייט ווען עס ווערט דערמאנט בשייכות צו די מצוה פון שמיטה. די מצוה פון שמיטה איז גורם אז דער איד זאל זיין א שפל אין זיינע אויגן, אין די יאר פארלירט א איד אלעס וואס ער האט, זיין גאנצע ביזנעס ווערט הפקר.

די ציל פון די מצוה אין שמיטה איז אויסצורייסן פון א איד אלע געפילן אז ער האט עפעס, אז ער איז א בעל הבית. מען וויל אז אין די יאר זאל ער זיך דערמאנען אז די וועלט איז נאר א פרוזדור, אז עס איז דא א בעל הבית איבער די וועלט.

>>> המשך אין עמוד ב'

## טיב המערכת

### וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ

אז דיין חבר פרעגט דיר, וואס טראכסטו – וואלט געווען גוט אז איך זאל קויפן דער און דער זאך, אדער איך זאל טון דעם און דעם געשעפט. וואס איז די ערשטע מחשבה וואס קומט דיר אריין אין געדאנק, 'וואס לוינט מיר בעסער, אז ער זאל עס קויפן אדער אז ער זאל עס נישט קויפן'? און נאכדעם וואס דו באטראכסט דעם ענין פון אלע זייטן, פראבירסטו טראכטן וויאזוי וועט אים געפעלן די עצה וואס דו וועסט אים געבן, און צום סוף געבסטו אים דיין עצה, וועלכע איז נישט מער ווי א צוזאמשטעל פון אייגענע נגיעות און פון א רצון צו געבן א גוטע עצה פאר זיין חבר, פארשטייט זיך מיטן תנאי אז ער זאל נישט דערלייגן דערפון.

צודען לאחר המעשה, שפירן מיר עפעס געוויסן-ביסן, טראכטן מיר פאר א רגע אז מיר האבן געטון שלעכטס צו אונזער חבר וועלכער גלייבט אין אונז און פארלאזט זיך אויף אונזער עצה, האבן מיר דען מורא דערפון אז מיר זענען אנגעגרייט צו געבן דין וחשבון דערפאר, אדער זאגן מיר צו זיך אין הארצן 'ער וועט דאך קיינמאל נישט וויסן וואס עס זענען געווען מיינע מחשבות אינדערצייט וואס איך האב אים געגעבן מיין עצה, איז וואס איז דער חילוק'.

די תורה זאגט אונז אן 'וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ', און רש"י ערקלערט אז דא זאגט אונז אן דער פסוק אז מען טאר נישט טשעפען אן אנדער איד מיט רייד... מען זאל אים נישט געבן אן עצה וואס איז נישט פאסיג פאר אים, צוליב די תועלת און הנאה פון דער וואס געבט אים די עצה, און אויב דו וועסט פרעגן – ווער ווייסט צי איך האב געהאט א שלעכטע כוונה, דעריבער זאגט דער פסוק 'וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ' – דער אויבערשטער וואס ער ווייסט אלע מחשבות פון יעדן איינעם, ער ווייסט – יעדער זאך וואס איז איבערגעגעבן פארן הארץ, וואס קיינער ווייסט עס נישט, אויסער דער וואס האט די מחשבה אין זיין הארץ, זאגט אויף אים דער פסוק 'וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ'.

דא האבן מיר א כלי, מיט וועלכע א מענטש קען זיך מעסטן און זען וויפיל יראת שמים ער האט, וויל דורכן כח פון בושה האלט זיך א מענטש צוריק פון אסאך עבירות, וויבאלד ער האט מורא אז קיינער זאל אים נישט זען, אבער דא איז די עבירה נאר במחשבה, און קיינער אויסער דער אויבערשטער ווייסט נישט דערפון.

געבט אונז מורינו ורבינו שליט"א א געוואלדיגע עצה, זיך צו באנוצן מיט די באוואוסטע סגולה פון דער אר"י הקדוש, אז מען זאל זיך שטענדיג אויסמאלן דעם שם הוי"ה פאר די אויגן, מיט די נִקוּד פון "יראה", ווי פאלגנד: יְהְוָ"ה – און דאס וועט אים ברענגען א געוואלדיגע תועלת פאר זיין יראה. איז אויב וועט א מענטש אזוי טראכטן אינדערצייט וואס ער געבט אן עצה פאר זיין חבר, וועט אוודאי נתעורר ווערן ביי אים די יראה, און ער וועט זיך צוריקהאלטן פון געבן אן אומפאסיגע עצה פאר זיין חבר.

(עפ"י טיב התורה - בהר)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

איינמאל אין זיבן יאר באקומט דער מענטש א שטארקער און א טיפער דערמאנונג ווי ער שטייט איין אויף די וועלט און וואס זיין אמת'ער שטאנד איז, און וועלכע זאך ער מעג קיינמאל נישט פארגעסן.

עס איז קענטליך ווי שטארק די תורה הק' ווארצעלט איין די נקודה ביי יעדן איד. די תוה"ק זאגט אז אויב די חיות אין פעלד האבן שוין נישט וואס צו עסן זאל מען ארויסנעמען אלעס וואס מען האט אוועקגעלייגט פאר די בהמות.

אויך אין דעם ליגט א רמז צו די ביטול וואס די מצוה פון שמיטה דארף צוברענגען דעם איד. אין אזא יאר דערמאנט זיך אז אויך די חיה, די בהמה, האט הקב"ה באשאפן און אראפגעשיקט אויף די וועלט און אז מיר זענען דא פאר די זעלבע צוועק – צו דינען הקב"ה און אז אלעס געהער צו אים.

די בחינה טרעפן מיר ביי שמיטה, אבער די זעלבע זאך דארף אויך זיין ביי תורה. אז א איד וויל זוכה זיין צו תורה דארף ער זיך האלטן קליין, ווייל די תורה איז מען קונה נאר אז מען האלט זיך קליין.

די תורה איז געגעבן געווארן אויפ'ן הר סיני צו מרמז זיין די נקודה פון שפלות. אויך אין פסוק טרעפן מיר דער געדאנק ווען די תורה הק' רעדט איבער די בחירה פון כלל ישראל שטייט דארט (דברים ז. ז.) לא מרבכם מכל העמים חשק ד' בכם ויבחר בכם כי את המעט מכל העמים – אז דווקא די 'המעט' דער זיך האלטן קליין איז דער שליסל צו קבלת תורה, ווייל אז מען האלט זיך קליין איז מען זוכה צו תורה, דאס ברענגט צו השראת השכינה.

ווען עס טרעפט זיך אז א איד האט א שוואכקייט אין תורה, ער איז נישט מצליח צו לערנען, עס פעלט אים די כח צו לערנען, ער שפירט ווי זיין הארץ איז פארשטאפט, זאל ער וויסן אז די סיבה איז ווייל ער איז זיך נישט גענוג מכניע פאר תורה און בני תורה און די עצה איז אז ער זאל זיך ממעט זיין ווי דער מדבר, אויף וואס אלע טרעטן, ווייל די תורה איז נאר שורה אויף ווער עס האלט זיך ווי א מדבר.עס מיינט נישט אז דער איד זאל אריינגיין אין עצבות און אנהייבן ציילן זיינע עוולה'ס און ווערן ביי זיך מרה שחורה אבער אין אזא צייט פאדערט זיך יא פון א איד אז ער זאל שטארקן ביי זיך דער 'ביטול' און זיך נישט האלטן גרויס נאר גלייך מיט יעדן איינעם, געדענקענדיג אז אלעס וואס עס גייט פאר אויף די וועלט קומט פון אויבן.

עס איז נישט קיין לייכטע עבודה, נאטורליך האט דער מענטש אין זיך א שטאנד, ער וויל בלייבן מיט דעם. עס איז אים נישט גרינג זיך צו מבטל זיין פאר אנדערע, אבער מען דארף טון אין דעם. אז מען טוט אין דעם קומט מען אן און מען ווערט זוכה זיין אז ענדע ווערט די תורה אריינגיין אין די ביינער און מען ווערט זוכה זיין קונה צו זיין חכמה, ווייל דער הר סיני – די תורה איז מען קונה דורך די געדאנק פון שמיטה.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל קענען אנקומען צו די דרגה און אויסשטייגן בתורה מעלה מעלה מתוך בריות גופיה ונהורא מעליא אכי"ר.




# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# א קפיצת הדרך אינמיטן וועג

עס האט זיך אויסגעשטעלט אז ערגעצוואו אינמיטן די זומער וואכן האב איך געדארפט זיין אין די שטאט צירך.

זייענדיג געבינדן צו די סעזאן ווען אלע ווילן פארן זענען די טיקעטס געווען אויסטערליש טייער. עס איז געווען אין די זומער חדשים, אין אזא צייט רייזן אלע אויף וואקאציע און עס איז מיר אויסגעקומען אז די וועג וועט מיר אפקאסטן גרויסע געלטער.

זייענדיג געענגט אין געלט אבער מצד שני האב איך געמוזט זיין דארט, האב איך זיך אנגעהויבן ווענדן צו אלע ערליי טרעוול אגענטן, אז זיי זאלן טרעפן פאר מיר א ביליגע טיקעט.

נאך לאנגע אונטערזוכן אלע ערליי דריידלער איז אויסגעקומען אז אויב איך וועל פארן קיין עסטרייך און פון דארט קיין גענף (דזשענעווע) און פון דארט וועל איך נעמען די באן קיין צירך וועל איך זיך קענען שפארן א שיינע סומע געלט.

איך האב עס גענומען, אבער איך בין געווען זייער אומרואיג מיט מיר. עס איז געווען מיין ערשטע רייזע קיין גענף, איך קען זיך נישט אויס אין די שטאט, איך ווייס נישט ווי אזוי מען נעמט א באן אין איר, פון וואו נעמט מען עס, איך בין געווען היבש פארלוירן.

איך בין געווען אויסטערליש אנגעצויגן, איך האב נישט אויפגעהערט צו דאווענען צו השי"ת אז אלעס זאל אריבערגיין גלאטיג, אז איך זאל זיך אן עצה געבן אונטערוועגנס.

אנקומענדיג צום פליגער האט מען מיר געמאלדן אז עס איז דא א שפעטיגונג, אז די פליגער וועט זיך נאר הייבן דריי שעה שפעטער. מען האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג און מען האט געלאנדעט אין עסטרייך דריי שעה שפעטער.

איבעריג צו זאגן אז אנקומענדיג בין איך געווואויר געווארן אז איך האב פארשפעטיגט מיין פליגער פון עסטרייך קיין גענף. די באאמטע האבן אויסגעשמועסט מיט מיר אלע אלטערנאטיוון און אויך געאפעפרט א האטעל צו נעכטיגן אין עסטרייך ביז צו די מארגנדיגע פלייט.

ביני לביני איז ארויפגעקומען די מעגליכקייט אז אנשטאט פארן קיין גענף קען איך נעמען א וועג קיין צירך. הערנדיג דאס האב איך זיך געכאפט אויף די מציאה און אזוי ארום אינדערצייט ווען אלע האבן זיך געדרייט פארזויערט אז זיי האבן דערלייגט די פליגער פון עסטרייך קיין גענף האב איך געדאנקט הקב"ה אז ער האט עס אזוי אויסגעשטעלט אז איך זאל קענען פארן גלייך צו מיין ציל – קיין צירך.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: מ.ו.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

### "וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ, וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ" כה, יז

זאגט רש"י, אז דא טוט אונז דער פסוק זאגן אז מען טאר נישט טשעפען דעם חבר מיט רייד, און דאס מיינט אז א מענטש זאל נישט דערצערנען זיין חבר. און אויב וועט א מענטש פרעגן, ווער ווייסט דען אויב איך האב געהאט א שלעכטע כוונה דערביי? דעריבער זאגט דער פסוק 'וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ', ווייל דער באשעפער וואס ער ווייסט אלע מחשבות, ער ווייסט! און יעדער זאך וואס איז איבערגעגעבן נאר פאר דער הארץ, וואס קיינער ווייסט נישט דערפון, אויסער דער וואס טראגט די מחשבה ביי זיך אין הארץ, זאגט ביי דעם דער פסוק 'וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ', ביז אהער פון רש"י.

פון דעם לערנען מיר ארויס ווי ווייט מיר דארפן אכטונג געבן אויף דער איסור פון אונאת דברים, אזוי ווי די תורה הקדושה לערנט אונז מיט די ווערטער "וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ". אפטמאל, געבט מען נישט גענוג אכטונג, און אן צו באמערקן פאלט מען דורך מיטן הארבן איסור פון אונאת דברים, רחמנא ליצלן!

פאלגנד וועט איר לייענען עטליכע עובדות פון 'דורכפעלער' – שווערע רייד וואס זענען געזאגט געווארן צו מענטשן, און דערנאך האט מען געזען אז עס איז פשוט געווען א טעות!

"וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ!"

->•<-

די פאלגנדע מעשה איז פארגעקומען אין איינע פון די שטעט אין חוץ לארץ. א איד האט זיך ארויסגעלאזט אין זיין אויטא (קאר) אויף א ווייטע וועג, צו אן אנדער שטאט אין די זעלבע לאנד. אזוי פארנדיג, איז ער דורכגעפארן א ריזיגער 'פלייש מארק', וואס איז געווען פול מיט גוים. דאס איז געווען א ריזיגער ארט, וואו מען האט פארקויפן אסאך טריפה'נע פלייש און אויך דבר-אחר, סיי פאר קליענטן און סיי פאר סוחרים, און קיין איד האט דארט קיינמאל נישט אריינגעטרעטן!

צום גרויסן וואונדער און שרעק פון דעם איד, האט ער געזען דעם אויטא פון זיין שכן, דער אידישער קצב וואס פארמאגט דעם קליינעם כשר'ן פלייש געשעפט אין זיין שטאט, וואו עס שטייט נעבן אט דעם ריזיגן פלייש מארק, און באטראכטנדיג בעסער דעם ארט פון דעם פענסטער פון זיין אויטא, האט ער אויך געקענט זען ווי דער קצב אליין דרייט זיך דארט ווי א בן בית אינעם גוי'אישן פלייש מארק!

עס איז אים געווארן שווארץ פאר די אויגן – צי זענען זיי ריכטיג? איז דען מעגליך אז דער שטאטישער קצב, פירט געשעפטן מיט אט דעם טריפה'נעם פלייש מארק? ער איז געווען איינגאנצן ערשיטערט, און האט נישט געקענט גלייבן וואס ער זעט פאר די אויגן,

# לֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ!

ווי דער אידישער קצב פון זיין געגנט, פירט דא פארצווייגטע געשעפטן מיטן טריפה'נעם פלייש האנדל-צענטער! און איז רח"ל מכשיל אלע אידן פון שטאט, וועלכע פארלאזן זיך בתמימות אויפן שיינעם כשרות דאקומענט וואס הענגט ביים אריינגאנג פונעם געשעפט... אצינד זעט ער, אז דאס איז נישט מער ווי א געפערליכער שווינדל! ווייבאלד אונזער קצב איז נישט בייגעשטאנען דעם געפערליכן נסיון... און ער קויפט זיך דא איין טריפה'נע פלייש פאר זייער ביליג... און דערנאך פארקויפט ער עס פאר טייער געלט אלס כשר פלייש!

שומו שמים!

איידער ער איז ווייטער געפארן, האט דער איד נאכאמאל געוואלט זיכערמאכן אז דער אויטא וואס שטייט ביים אריינגאנג פונעם פלייש-מארק באלאנגט טאקע פארן אידישן קצב, האט ער נאכאמאל באטראכט פון נאנט דעם פלאץ, וועלנדיג זען ווי דער אידישער קצב דרייט זיך דארט אינעם גוי'אישן פלייש-צענטער, און ווי ער רעדט מיטן גוי'אישן פארקויפער אויפן ארט.

מער ווי דעם האט ער נישט געדארפט... ער האט יעצט קלאר געזען, ווי דער אידישער קצב האנדלט מיט די גוי'אישע פלייש צענטער... ולא תהא שמיעה גדולה מראיה!

צוריקקומענדיג צו זיין שטאט, איז ער געווען איינגאנצן צושטורעמט, און ער איז גלייך געגאנגען און דערציילט צו זיינע חברים, ווי ער אליין איז געווען אן "עד ראיה" צו די געשעפטן וואס דער בעל הבית פונעם כשר'ן פלייש געשעפט אין שטאט פירט מיטן גרויסן טריפה'נעם פלייש מארק וואו מען פארקויפט מאכלות אסורות מדאורייתא! – און מיט גרויס צארן האט ער אויסגעפירט: **אויב איך וואלט נישט דארט 'פונקט' אריבערגעפארן, און אליין מיטגעהאלטן וואס עס האט זיך דארט אפגעטון... וואלטן מיר נאך געקענט לאנגע יארן נכשל ווערן מיטן עסן טריפה'נע פלייש און דבר-אחר, רחמנא ליצלן!**

ותהום כל העיר!

ווי נאר די מענטשן פון שטאט האבן געהערט אלע איינצלהייטן פון די מעשה פונעם "כלי ראשון" אליין, האבן זיי אויפגעהערט צו קויפן ביים כשר'ן פלייש געשעפט. עס איז דאך נישט נאר עפעס א 'שמועה', וועלכע מען דארף נאכקוקן און זיכערמאכן אז עס איז ריכטיג... נאר דאס איז דאך עפעס וואס אן 'איש נאמן' פון די איינוואוינער פון שטאט האט אליין געזען און מיטגעהאלטן, ווי דער קצב אליין גייט אריין דארט אינעם פלייש מארק!

דער שמועה האט זיך צושפרייט גאנץ שנעל, ווי דער שטייגער פון מענטשן וואס האבן זייער ליב עוסק צו זיין אין אזעלכע זאפטיגע רכילות'ן... און עס האט נישט געדויערט לאנג און דער געשעפט האט זיך פארמאכט אויף שלאס און ריגל, ווייבאלד קיינער האט מער נישט אריינגעטרעטן דארט...

אויף אזוי ווייט איז עס געגאנגען, אז דער אידישער קצב האט זיך געשעמט ארויסצוגיין אין גאס, און אויך אין בית המדרש האט ער אויפגעהערט צו קומען, ווייל וואו ער איז נאר געגאנגען, האבן אלע געטייטלט אויף אים מיט די פינגער און געמורמלט: דא איז ער, דער גרויסער רשע און מחוצף! וועלכער האט זיך געוואגט צו מכשיל זיין אלע מענטשן פון שטאט מיט די טריפה'נע פלייש, און האט פאר לאנגע יארן געגעבן צו עסן פאר הונדערטער אידן טריפה'נע פלייש!

א קורצער צייט שפעטער, האט דער קצב באקומען א שווערע הארץ-אטאקע, פון גרויס צער און בושה וואס ער האט געליטן פון די שטאטס-לייט, און נישט לאנג דערנאך, איז ער נפטר געווארן און איז אוועק פון דער וועלט בקיצור ימים, וואו קיין איינער פון די שטאט לאזט נישט אראפ קיין טרער נאך אים! נאר פארקערט, די שטאטס-לייט האבן פריי אפגעאטעמט, נאכדעם וואס זיי זענען פטור געווארן פונעם חוטא ומחטיא את הרבים. – נאר זיין ווייב די אלמנה און זיינע קינדער די יתומים, זענען נעבעך געבליבן עלנד און אליין, פאראדימט און פארשעמט, ווייבאלד דער שרעקליכער נאמען פונעם טאטן האט זיי נאכגעיאגט אין יעדן ארט!

א שטיק צייט איז דורכגעגאנגען, און דער איד האט נאכאמאל געדארפט פארן צום זעלבן ווייטן ארט, דורך דעם זעלבן גרויסן גאס וואס פארט צווישן די שטעט, און זייענדיג דארט אויפן גרויסן שאסיי, האט די השגחה פרטית צוגעפירט אז עס איז אים געשען א 'פאנטשער' פונקט ווען ער איז דורכגעפארן נעבן יענעם ריזיגן פלייש געשעפט אויפן וועג! די רעדער פון זיין אויטא זענען איינגאנצן צולעכערט געווארן, אזוי אז ער האט ווייטער נישט געקענט פארן אפילו איין מילימעטער!

דער איד איז ארויסגעגאנגען פון זיין אויטא, וועלכער האט זיך אפגעשטעלט ביים אריינגאנג פונעם פלייש מארק, און האט נישט געוואוסט וואס צו טון! ער שטייט דא אזוי, מיט אן אויטא מיט צולעכערטע רעדער, פונקט אינמיטן וועג! ער מוז דאך יעצט רופן די מענטשן וועלכע וועלן קומען צוהילף, און אויך דארף מען באשטעלן א ספעציעלע לאסט-אויטא [לאָרי/משאית] וואס וועט נעמען דעם אויטא צו פאררעכטן. ווייבאלד

המשך אין עמוד ד' >|

ער האט נישט געהאט ביי זיך קיין טעלעפאן, האט ער נישט געהאט קיין אן אנדער ברירה, נאר צו אריינגיין אינעם טריפה'נעם פלייש צענטער, און בעטן פונעם גוי'אישן בעל הבית אז ער זאל אים לאזן מאכן עטליכע טעלעפאן רופן פון דער טעלעפאן פונעם געשעפט, וויבאלד זיין אויטא האט באקומען א פאנטשער פונקט דא, ביים אריינגיין פונעם געשעפט! – דער גוי האט גערן מסכים געווען, און אזוי 'כמסיח לפי תומו' האט ער געזאגט שטילערהייט: אינטערעסאנט, דו ביסט שוין דער צווייטער איד, וועמענ'ס אויטא באקומט א פאנטשער פונקט דא, ביים אריינגאנג פון מיין געשעפט! ווייל נישט אזוי לאנג צוריק, בערך א יאר פריער, איז געווען דא נאך א איד, וואס איז אנגעקומען צום זעלבן מצב!

ווען דער איד האט אים געפרעגט, צי ער ווייסט ווער יענער איד איז געווען, האט דער גוי אים געענטפערט אז ער קען אים, וויבאלד ער האט א קליינע פלייש געשעפט אין איינס פון די אידישע געגענטער... אויך ער, האט דער גוי ווייטער דערציילט, האט נישט געהאט ביי זיך קיין טעלעפאן, און איז אויך דא אריינגעקומען כדי צו מאכן עטליכע וויכטיגע טעלעפאן געשפרעכן, און האט אויך באשטעלט א לאסט-אויטא, אוועקצונעמען זיין אויטא פון דא... האט דער גוי אויסגעפירט. ווען דער גוי האט זיך דערמאנט דעם דאטום ווען דאס איז געשען, איז אויסגעקומען אז דאס איז געווען פונקט אינעם זעלבן טאג וואס ער איז דארט אריבערגעפארן א יאר פריער, און געזען ווי דער אידישער קצב האט זיך געדרייט דארט אינעם געשעפט!

אויב אזוי קומט דאך אויס – האט דער איד געמאכט צו זיך דעם פשוט'ן חשבון – אז דער קצב איז בכלל נישט אריינגעגאנגען דארט כדי צו מאכן געשעפטן פון טריפה פלייש, אזוי ווי איך האב דעמאלטס געטראכט, נאר ער האט פשוט געבעטן הילף אז מען זאל אים לאזן קלינגען צו באשטעלן א לאסט-אויטא אוועקצונעמען זיין אויטא!!! קומט דאך אויס, אז די גאנצע זאך איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן! אצינד ווערט קלאר ווי דער טאג, אז דער גאנצער חשד וואס ער האט חושד געווען דעם קצב אז ער פארקויפט טריפה'נע פלייש, האט זיך בכלל נישט אנגעהויבן! און די געשעפט איז געווען כשר למהדרין מן המהדרין! און דער כשרות דאקומענט וואס האט דארט געהאנגען, איז געווען ריכטיג!!!

דער איד איז געווארן שרעקליך צובראכן ביי זיך, וויבאלד ער איז יעצט געוואויר געווארן, אז אומזיסט האט ער יענעם צובראכן זיין פרנסה, און צוגעברענגט אז ער זאל פריצייטיג שטארבן... ער האט בא'עוול'ט אן ערליכער מענטש וועלכער האט נישט געטון קיין שום שלעכטס, און האט ארויסגעלאזט אויף אים א שלעכטן נאמען אלס חוטא ומחטיא!

ער איז געווען אינגאנצן צושטורעמט, און האט געוואוסט וואס צו טון מיט זיך, פון גרויס צער און חרטה! אין זיין ענגשאפט און קלעם, איז ער געגאנגען צו עטליכע פון די גדולי הדור, און געבעטן פון זיי אז זיי זאלן אים געבן א דרך תשובה, וואס דורכדעם וועט ער קענען פארריכטן דאס וואס ער האט קאליע געמאכט. די רבנים האבן אים געזאגט, אז צום ערשט זאל ער ארויפגיין צום קבר פונעם קצב, צוזאמען מיט א מנין מענטשן, און בעטן מחילה פון די טיפענישן פון זיין הארץ, אויף דער געוואלדיגער צער וואס ער האט אים צוגעברענגט בשוגג.

צווייטנס, זאל ער זען צו פארריכטן דאס וואס ער האט קאליע געמאכט פאר די משפחה, און אויפשטעלן א קרן פאר די פרנסה פון די אלמנה און די יתומים וועלכע זענען געבליבן אן קיין פרוטה און קיין מקור פרנסה, על לא עוול בכפם.

דער איד וועלכער איז א ירא שמים, האט געטון אלעס וואס מען האט אים געהייסן, על צד היותר טוב! און פון דעמאלטס גייט ער פון ארט צו ארט, און ער דערציילט ברבים זיין מורא'דיגער דערציילונג! כדי צו לערנען פאר מענטשן דעם געוואלדיגן חיוב זיך אכטונג צו געבן בענינים שבין אדם לחבירו, און נישט זיין איילנדיג צו באשליסן אפילו ביי אזעלכע זאכן וואס זענען אויס פשוט און קלאר... ווילאנג מען מאכט נישט קלאר דעם אמת דורך דרישות וחקירות, און מען זאל זיך נישט יאגן צו רעדן אויף א חבר, און חלילה ארויסגעבן אויף אים א שלעכטן נאמען.

"ולא תונו איש את עמיתו, ויראת מאלקיך!".

[מתוך שיחה פרטית, ט' אייר תשע"ב לפ"ק]

->•<-

סעודת שבת קודש, אינעם שטעטל טעלז-סטאן!

פון מאל צו מאל גיי איך ארויס מיט מיינע קינדער און אייניקלעך פאר א משפחה שבת, אינעם נאנטן און בא'טעמ'טן שטעטל טעלז-סטאן. די קינדער און בעיקר די אייניקלעך קוקן שטארק ארויס צו אזא געהויבענעם שבת, וועלכע פילט זיי אן מיט געוואלדיגע רעזערוועס פון רוחניות!

ביים שבת טיש איז געזעצן נעבן מיר מיין טייערער אייניקל, און נעבן איז געזעצן זיין שוועסטערקינד (קאזין), נאך א טייערער אייניקל מיינער, און אלע זענען געזעצן מיט שמחה און ליבשאפט, לכבודה פונעם שבת המלכה. פלוצלונג, אינמיטן די סעודה, הער איך ווי מיין אייניקל פרעגט פאר מיין אנדער אייניקל, א תמימות'דיגע פראגע, ווען א שטיפערישע שמייכל ליגט אויסגעגאסן אויף זיין געזיכט: "ווילסט א פראסק"?

צו הערן אזא פראגע אינמיטן א הייליגן שבת טיש, האט מיר געשטערט, טראצדעם וואס איך האב פארשטאנען אז דאס איז נישט מער ווי עפעס א קינדערישע שפיצל... האב איך זיך גלייך געוואנדן צו מיין טייערער אייניקל, און איך האב אים איידעלערהייט מעורר געווען, אז עס פאסט נישט אינמיטן דעם שבת טיש זיך אונטערצוהאלטן מיט פרעסק... און נישט אז איך האלט אז אין אן אנדער צייט און ארט איז עס יא פאסיג... עס זענען דא גענוג שיינע און געשמאקע שפילערייען אויך אן קיין קלעפ און פרעסק, אבער ביים הייליגן שבת טיש קומט עס אוודאי נישט אין באטראכט!

הערנדיג מיינע רייד, האט דער קינד שטיפעריש געשמייכלט, און מיר געוויזן דעם פלעשל טרינקען וואס איז געשטאנען אויפן טיש נעבן אים, און דערויף איז געשטאנען מיט גרויסע אותיות: "אפרסק" – דאס מיינט אז דער טרינק וואס ליגט דערין האט דער טעם פון "אֲפַרְסֵק" – פערשקעס [פיטשעס]!

דער אמת איז געווען, אז מיין אייניקל האט געוואלט מכבד זיין מיין אנדער אייניקל מיט א גלאז געשמאקע טרינקען, און מיט זיין שארפקייט האט ער אים געפרעגט די פראגע בדרך צחות, ניצנדיג אנדערע נקודות פארן זעלבן ווארט, און אנשטאט צו פרעגן "ווילסט אֲפַרְסֵק" האט ער אים געפרעגט: "ווילסט אַפְּרְסְק?!"...

אויך דער פאל האט מיר אויסגעלערנט, דאס וואס איך האב שוין אזויפיל מאל געזען, אז אין יעדן פאל דארף מען קלאר מברר זיין דאס וואס מען האט געזען אדער געהערט, איידער מען גייט צו און מען מוסר'ט און באשטראפט יענעם!

[מתוך שיחה פרטית, ז' אלול תשע"א לפ"ק]

על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרה"ח רבי משה רייך זצ"ל בן הר"ר שמואל רפאל זצ"ל נלב"ע י"ז אייר ת.נ.צ.ב.ה

לע"נ רבי שבתי זצ"ל בן הגה"ק רבי גמליאל הכהן זצ"ל נלב"ע ח' שבט תשל"ו ת.נ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת איש החסד הרב פנחס גרשון ב"ר אברהם זצ"ל לנבנרג נלב"ע ט' אייר תשע"ז ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ הרב יחיאל מאיר ז"ל בן הרב אברהם עקשטיין ז"ל נלב"ע י"ב טבת תשס"ח ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו ת.נ.צ.ב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321 גרפצ'יק

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173